**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול הויבט אן "אויספלאסטערנדיג א וועג: א היסטאריע פון ניו יארק סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער"

***אין פייערונג פון ניו יארק סטעיט פארקס'ס הונדערטסטע יארטאג, טוט דיגיטאלע פארשטעלונג דעטאלירן אנטוויקלונג פון פארקס סיסטעם דורך בילדער, ווידעאוס און געשריבענע ווערטער***

***חינוך'דיגע כלי איז טייל פון פילפאכיגע יאר-לאנגע הונדערטסטע יארטאג פייערונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געעפנט אן אינטעראקטיווע אנליין פארשטעלונג מיט די טיטל "Blazing a Trail: A History of New York State Parks and Historic Sites" (אויספלאסטערנדיג א וועג: א היסטאריע פון ניו יארק סטעיט פארקס און היסטארישע ערטער) אין פייערונג פון די ניו יארק סטעיט פארקס'ס הונדערטסטע יארטאג. ארגאניזירט לויט אכט עפאכעס לויט די סדר, זענען די ערשטע צוויי חלקים פון די פארשטעלונג פארעפנטליכט [דא](#), און נאכפאלגנדע עפאכעס וועלן ארויסקומען דורכאויס 2024.

"די ניו יארק סטעיט פארקס'ס הונדערטסטע יארטאג איז די בעסטע געלעגנהייט צו אנדעקן די רייכע היסטאריע פון אונזערע פארקס און היסטארישע ערטער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "לאקאלע פירער, פילאנטראפן, ביזנעסער און מענטשן פון אריבער די סטעיט האבן געארבעט צוזאמען צו בויען א לאנד'ס-פירנדע סיסטעם פון פארקס וואס איז געווארן איינס פון ניו יארק'ס טייערסטע פארוויילונג און קולטורישע אוצרות. איך לאדן איין אלע ניו יארקער צו באקומען די ערפארונג פון 'אויספלאסטערן א וועג' און לערנען איבער די וועזנטליכע טייל פון אונזער סטעיט."

'אויספלאסטערן א וועג' באנוצט זיך מיט בילדער, אילוסטראציעס, פארבונגען, דאקומענטן, ווידעאוס פון די ארכיוון, מאפעס און באגלייטנדע ווערטער צו דערציילן די געשיכטע פון די אנטוויקלונג פון די ניו יארק סטעיט פארקס סיסטעם. די פארשטעלונג שטעלט פאר וויכטיגע פיגורן אין די היסטאריע פון די אגענטור, און עס גייט אריין אין די געזעלשאפטליכע און פאליטישע הונטערגרונט פון יעדע עפאכע פון אנטוויקלונג. די ערשטע צוויי עפאכעס וואס זענען יעצט שוין פארעפנטליכט: "Laying the Foundation (גיסן די יסודות): 1850-1924" און "Adopting The Park Plan (אננעמען די פארק פלאן): 1924-1929."

אין די עפאכעס וועלן די ביישויער לערנען איבער די טריב צו אפהיטן נאטורליכע ערטער דורכאויס די שנעלע אויפבויאונג פון די שפעטע 1800'ער יארן און צו פרעזערווירן די לאנד'ס פארגאנגענהייט אזוי ווי דאס לאנד האט געפייערט איר ערשטע יאר הונדערט, און זיי וועלן אנדעקן וויאזוי די קאנצענטראציע פון די פריע פארקס באוועגונג איז אריבער פון פרעזערווירונג צו פארוויילונג ביי די אנהויב פון די 20'סטע יאר הונדערט. זיי וועלן זיך אנטרעפן מיט פירער ווי גאווערנער אלפרעד סמיט, וועמען'ס קינדער יארן אין ניו יארק סיטי'ס אפארטמענט וואוינונגען האבן איינגעפלאנצן א לעבנסלענגליכע טריב אין אים צו פארבעסערן די לעבנס פון די שטאטישע ארימע מענטשן, און וועלכער איז געווען איינפלוסרייך אין די אויפשטעלונג פון די סיסטעם, און אזוי אויך מיט פילאנטראפן ווי ראבערט און לאורא טרעמאן, וויליאם פרייאר לעטשווארט און דזשאן באויד און עמא טרעדוועל טעטשער וואס האט געקויפט און בייגעשטייערט

לאנד און וועמען'ס נעמען זענען יעצט איינגעקריצט אין די פארקס וואס זענען אויפגעשטעלט געווארן אין די לענדער וואס זיי האבן אוועקגעגעבן. יעדע עפאכע רעכנט אריין די איינציגווייזע היסטאריעס פון די פארקס און ערטער וואס זענען צוגעלייגט געווארן אין יענע צייט אפשניט.

נאך עפאכעס וואס וועלן ארויסקומען דורכאויס די יאר וועלן דעקן די אויפשטייג פון די אויטאמאביל, די איינפלוס פון די 'גרעיט דעפרעסיע' און פון די 'ציווילע אפהיטונג איינהייט' (Civilian Conservation Corps) אויף פארקס, די אנטוויקלונג פון די סיסטעם אונטער די ראקעפעלער אדמיניסטראציע נאך דעם צווייטן וועלט קריג, דאס שאפונג פון די היינטיגע אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation, OPRHP), באמיאונגען צו אויסברייטערן די אגענטור'ס ברייטע ליסטע פון פארקס, און מער. צוקונפטיגע עפאכעס רעכענען אריין 1930-1945, 1945-1959, 1960-1971, 1972-1999, 2000 ביז היינט און אזוי אויך פון מארגן און ווייטער.

**ציטווייליגער קאמישאנער פון די אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג, רענדי סימאָנס, האט געזאגט,** "די פארשטעלונג שפיגלט אפ צענדליגע יארן פון זאמלונג און אפהיטונג פון ארכיוון און אזוי אויך א היבשע מאס פון פארשונג, צייכענונג און שרייבונג דורך איבערגעגעבענע היסטאריקער און ארכיוו ארבייטער אין אונזער דיוויזיע פון היסטאריע אפהיטונג (Division Of Historic Preservation), סיי פארגאנגענע און סיי היינטיגע. ווען מענטשן באקומען די ערפארונג פון 'אויספלאסטערן די וועג', וועלן זיי באקומען א פארשטאנד פון די כוחות וואס האבן אויסגעפארעמט די פארק סיסטעם וואס מיר קענען און האבן ליב היינט, און אזוי אויך וועלן זיי באקומען מער אנערקענונג פאר די עפנטליכע אוצר."

'אויספלאסטערן א וועג' איז די לעצטע אין א סעריע פון איניציאטיוון צו פייערן די פארקס'ס הונדערטסטע יארטאג. אנדערע איניציאטיוון רעכענען אריין [אן אויסשטעלונג](#) אין די ניו יארק סטעיט קאפיטאל געביידע'ס 'סטעיט סטריט טונעל' וואס איז יעצט ארויסגעלייגט; דער ['טיילט מיט אייער געשיכטע' (Share Your Story) פראיעקט](#) וואס לאדנט איין מענטשן צו דערציילן זייערע אייגענע געשיכטעס אין פארבינדונג צו פארקס און ערטער; די [הונדערטסטע יארטאג טשעלענדזש](#) (Centennial Challenge) וואס ערמוטיגט מענטשן צו געווינען פּרייזעס דורכן זיך באטייליגן אין פארשידענע אקטיוויטעטן אין פארקס און ערטער; און די פארעפענטליכונג פון די [הונדערטסטע יארטאג קאלעקציע](#) וואס רעכנט אריין העמדער, דזשאקעטן, גלעזער און מער. נאך איניציאטיוון וועלן אנאנסירט ווערן דורכאויס 2024.

<u>**די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג**</u>
די ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג און היסטאריע אפהיטונג איז פאראנטווארטליך איבער מער פון 250 פארקס, היסטארישע פלעצער, פארוויילונג טרעילס, גאָלף קורסעס, שיפלעך פארטן און מער, וואס האבן געזעהן דורך א רעקארד-הויכע צאל פון 84 מיליאן באזוכן אין 2023. פאר מער אינפארמאציע איבער סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, באזוכט [www.parks.ny.gov](http://www.parks.ny.gov), דאַונלאָודט די אומזיסטע [NY State Parks Explorer עפּ](#) אדער רופט 518.474.0456: שליסט זיך אן מיט אונז ביים פייערן אונזער הונדערטסטע יארטאג דורכאויס 2024, און פארבינדט זיך מיט אונז אויף [Facebook](#), [Instagram](#), [X](#) (וואס פלעגט הייסן Twitter) און אויף די [OPRHP 'בלאָג'](#).

###